איך האָב אייך אָנגעזאָגט; אַ חוץ, אַז איר האָט
3 אומזיסט געגלויבט. וואָרום קודם כל האָב איך
אייך איבערגעגעבן, וואָס אויך איך האָב מקבל־
געווען, אַז משיח איז געשטאָרבן פֿאַר אונדזערע זינד
4 לויט די כתבי (הקודש); (ישעיהו נג, ה־יב.) און אַז ער
איז נקבר געוואָרן; און אַז ער איז אויפֿגעשטאַנען
דעם דריטן טאָג לויט די כתבי (הקודש); (תהלים טז, י.)
5 און אַז ער האָט זיך באַוויזן צו כּיפֿאַן; שפּעטער צו
6 די צוועלף; דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן צו מער
ווי פֿינף הונדערט ברידער אויף איינמאָל, דאָס רוב
פֿון וועלכע לעבט נאָך ביז איצט, אייניקע אָבער
7 זענען שוין איינגעשלאָפֿן; שפּעטער האָט ער זיך
8 באַוויזן צו יעקבֿן; נאָך דעם צו אַלע שליחים; און
צו לעצט נאָך אַלעמען האָט ער זיך באַוויזן אויך
צו מיר, וואָס איך בין גלייך צו אַ מפּיל קינד.
9 וואָרום איך בין דער סאַמע קלענסטער פֿון די
שליחים, און בין נישט ווערט גערופֿן צו ווערן
שליח, ווייל איך האָב פֿאַרפֿאָלגט די קהלה
10 פֿון ג־ט. נאָר דורך ג־טס חסד בין איך, וואָס
איך בין; און זיין חסד צו מיר איז נישט געווען
אַרויסגעוואָרפֿן; נאָר איך האָב געהאָרעוועט מער
פֿון זיי אַלעמען; דאָך נישט איך, נאָר ג־טס חסד,
11 וואָס איז מיט מיר. דעריבער צי איך, צי זיי, אַזוי
דרשענען מיר, און אַזוי האָט איר געגלויבט.
12 אויב אָבער פֿון משיח ווערט געדרשנט, אַז ער איז
אויפֿגעשטאַנען פֿון די טויטע, וויאַזוי זאָגן דאָס
אייניקע צווישן אייך, אַז עס איז נישטאָ קיין תחית
13 המתים? און אויב עס איז נישטאָ קיין תחית המתים,
איז אויך משיח נישט אויפֿגעשטאַנען; און אויב
14 משיח איז נישט אויפֿגעשטאַנען, איז טאַקע אונדזער
דרשענען פּוסט, און אייער אמונה איז אויך לעער.